# גליון המועד

## יום כיפור

**ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר**

נתייסדה ע"י כ"ק רבינו ה"ק בעל דברי יואל זצוק"ל - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

בנין ישעי' זאב לעוו


## "כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם וכו'

דעם פסוק קען מען פארשטיין מיט א משל: א קעניג האט געהאט גאר א שיינעם גארטן מיט די שענסטע פרוכטביימער און בלומען, עס זענען געוואקסן אין דעם גארטן אזעלכע פרוכט וואס מען זעהט דאס נישט אין די גאנצע וועלט.

איינמאהל איז געקומען א מענטש און ער האט צוטרעטן די בלומען, ער איז ארויף געקראכן אויף די ביימער און האט זיי צובראכן, ביז די צווייגן זענען אראפ-געפאלן צוזאמען מיט אים, און ער האט זיך צובראכן זיינע ביינער, ער איז געלעגן דארט אין גארטן ווייל ער האט זיך נישט געקענט רירן פון פלאץ צוליב זיינע גרויסע יסורים וואס ער האט זיך צוקלאפט, זיין הארץ האט אים זייער שטארק וויי געטוהן, וואס קען ער יעצט שוין טוהן, זיין בראך איז זייער גרויס, ווער וועט אים אויסהיילן נאכדעם וואס ער האט דאס אפגעטאן פאר דעם קעניג, פון ווי וועט ער נעמען די גרויסע געלטער צו באצאלן פאר די דאקטוירים ער זאל זיך קענען היילן.

ווען ער איז שוין געקומען צו זיך האט ער אנגעהויבן צו טראכטן ביי זיך אז צוויי שלעכטע זאכן האט ער דא אפגעטאן, איינס ער האט ווידערגעשפעניגט אנטקעגן דעם קעניג, ער האט צובראכן זיין שיינעם גארטן, און אויך האט ער גורם געווען פאר זיך אליינס שלעכטס ווייל ער איז שטארק צוקלאפט געווארן.

ביז ער איז געגאנגען צו זיינס א גוטער חבר צו נעמען אן עצה פון אים, האט אים דער חבר געזאגט קודם צום ערשט גיי צום קעניג בעט אים איבער אויף דעם וואס דו האסט צובראכן זיין שיינעם גארטן, אז ער זאל דיר מוחל זיין, דערנאך ווען ער וועט דיר דערויף מוחל זיין וועט ער רחמנות האבן אויף דיר און וועט דיר שוין אויך העלפן און ער וועט זעהן אז מען זאל דיר אויסהיילן פון דיינע גרויסע וואונדן.

דער נמשל איז פארשטענדליך: ווען א מענטש זינדיגט איז ער גורם שלעכטס קודם פאר זיך אליינס, און אויך איז ער מצער הקב"ה דערמיט, איז דער עצה ווען ער קומט תשובה טוהן, אז ער זאל קודם איבער-בעטן השי"ת אויף דעם וואס ער האט געזינדיגט אנטקעגן השי"ת און ווען השי"ת איז אים מוחל דערויף, וועט ער אים שוין אויסהיילן פון זיינע אייגענע וואונדן.

דאס קען זיין א רמז אין פסוק, "כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם" השי"ת וועט אייך אויסהיילן פון אלע אייערע זינד, אבער נאר אויף דעם אופן וועט דאס השי"ת טוהן פאר אייך אויב, "לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ" אז איר וועט קודם איבערבעטן השי"ת.

ייטב פנים, לי"ג מדות אות מ"ט

# ערב יום כיפור

**כפרות**

דער מנהג איז, צו שלאגן כפרות און זיי שחט'ען ערב יום כיפור פארטאגס, ווייל דעמאלט זענען די "רחמים מתגברים", אנדערע זענען אבער מקפיד צו שחט'ען נאך שחרית אזוי ווי קרבנות וואס מען האט גע'שחט'ען דוקא נאכן עלות השחר.

גלייך נאכ'ן שחיטה דארף מען נעמען זאמד וואס איז שוין צוגעגרייט, און מען מאכט א ברכה "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על כיסוי הדם בעפר" און מען דעקט צו די בלוט פון די שחיטה מיט זאמד.

**תפלת שחרית**

ביי תפלת שחרית זאגט מען נישט קיין למנצח, און נישט קיין תחנון, ווייל ערב יום כיפור איז א יום טוב. אויך זאגט מען נישט קיין מזמור לתודה, ווייל ערב יום כיפור האט מען נישט געברענגט קיין קרבן תודה אין בית המקדש, וויבאלד ביינאכט דארף מען פאסטען. קומט אויס אז אויב מען איז מקריב א קרבן תודה ערב יום כיפור, מאכט מען פון א קרבן וואס מען מעג באמת עסען "לשני ימים ולילה", אז מען זאל נאר קענען עסען איין טאג.

מען פירט זיך נישט צו זאגן אבינו מלכנו, חוץ ווען יו"כ געפאלט אום שבת זאגט מען ערב יום כיפור ביי שחרית אבינו מלכנו, וויבאלד מען זאגט עס נישט אום שבת.

**צדקה**

עס ווערט געברעגט בשם פון די בעש"ט, אז די קול פון די געלט וואס אידןווארפען אריין אין די פושקעס ערב יום כיפור דאס טוט צומישען די שטן און אלע מקטריגים:

**מצוות אכילה**

עס איז א מצוה צו עסען ערב יום כיפור און מרבה זיין בסעודה. דאס עסען ווערט גערעכנט אזוי ווי א תענית, ווי די גמרא זאגט (ברכות ח:, יומא פא:) "כל האוכל ושותה בתשעי" דער וואס עסט און טרינקט ערב יום הכיפורים איז "כאילו התענה תשיעי ועשירי" (אזוי ווי ער וואלט געפאסט די ניינטע טאג און די צענטע טאג פון תשרי). א טייל פוסקים האלטען אז עס איז א מצוה מן התורה.

**מקוה**

ערב יום כיפור איז מען מחוייב זיך צו טובלע'ן, כדי זיך מטהר צו זיין, און אויך איז די טבילה וועגן מען תשובה, אזויווי מיר זעהן אז ווען א גר איז זיך מגייר, דארף ער זיך טובלע'ן. מען זאל זיך טובלע'ן פאר מען דאווענט מנחה.

ווער עס ווייסט אין זיך אז ער האט געזינדיגט א געוויסן חטא, איז גלייך אז ער זאל שטילערהייט ארויסזאגן דעם חטא, אדער אויב איז עס איינס פון די חטאים וואס ווערן אויסגערעכנט אין די ווידוי, דאן ווען ער קומט אן צו דעם חטא זאל ער באזונדער שטארק קלאגן דערויף.

**מלקות**

אין שולחן ערוך (ס"ו) שטייט, אז נאך מנחה פירט מען זיך אז דער גאנצער קהל לאזט זיך שלאגן מלקות, כדי דורך דעם זאל מען זיך אריינעמען אין הארצן תשובה צו טוהן, אבער מען שלאגט נישט מיט א שטארקע פאסיק, און נישט קיין שטארקע קלעפ, נאר גרינגע שמיץ ווייל דאס איז נאר א זכר צו די מלקות, נישט קיין מלקות ממש. און מען פירט זיך אז ווען עס ווערט געשלאגן זאגט ווידוי בשעת מעשה.

## סעודת ערב יום כיפור

ערב יום הכיפורים האט איינער פון די פריצים, באפוילן זיין קנעכט זאל פאר אים גיין קויפן פיש, דעמאלטס איז געווען א מאנגל אין פיש, און עס איז נישט געווען צו באקומען נאר איין גרויסער פיש וואס האט זיך געפינען אויפן מארק, מען האט געבעטן דערפאר איין גאלדשטיק דאס איז געווען א געוואלדיגע גרויסע סומע אין יענע צייט, דארט איז אויך געווען א איד וואס האט געארבעט ביי שניידעריי, ער איז נישט געווען קיין רייכער מאן, אבער אזוי ווי ער האט אויך געוואלט דעם פיש האט ער ארויפגעצויגן די פרייז ביז פינף גאלדשטיק און דער שניידער האט באזיגט דעם פריץ, און דער פיש איז געבליבן ביי אים.

דער קנעכט פון פריץ איז אהיימגעגאנגען מיט ליידיגע הענט און ער האט דערציילט פאר זיין הער, דעם הערשער פון די שטאט, די חוצפה פון אן ארעם איד'ל וואס האט אים אויסגעכאפט דעם פיש.

דער פריץ איז געווארן שטארק אויפגערעגט, ער האט געלאזט רופן דעם איד, **"מיט וואס ארבעטסטו"** פרעגט אים דער פריץ. "איך בין א פשוט'ער שניידער" ענטפערט אים דער איד, **"אויב אזוי פארוואס האסטו געקויפט אזא טייערן פיש" פרעגט דער פריץ ווייטער "ווי אזוי האסטו געהאט די חוצפה דאס אויסצוכאפן פון מיין קנעכט"** בייזערט ער זיך.

ענמפערט דער איד: "דער היינטיגער טאג, ערב יום כיפור האט ביי אונז א באזונדער חשיבות, השי"ת האט אונז באפוילן צו עסן און צו טרינקן צו ווייזן אז מיר האפן צו אונזער באשעפער, און מיר גלייבן און מיר זענען זיכער אז אונזער באשעפער אין הימל וועט אונז מוחל זיין אויף אונזערע עבירות, דערפאר האב איך באצאלט אזא טייערן פרייז פאר דעם פיש, איך וואלט באצאלט אפילו דאפלט אויב דאס וואלט געווען נויטיג".

דער פריץ איז גערירט געווארן פון דעם ענטפער פון א פשוט'ן איד, אן ארעמער ארבייטער ביי שניידעריי און אזוי פול מיט בטחון אין אמונה צו השי"ת.

**"גוט האסטו געהאנדלט, רעכט האסטו געטאן"** האט דער פריץ רואיג געענטפערט, און האט אים אהיים געשיקט בשלום ושלוה, און מיט יראת הכבוד צום אידישן פאלק.

## סעודה המפסקת

נאך מנחה עסט מען די סעודה המפסקת. ביי די סעודה זאל מען נישט עסן נאר אזעלכע מאכלים וואס זענען גרינג צו פארדייען, כדי מען זאל נישט זיין זאט און אנגעגעסן ביינאכט, און דורך דעם וועט מען דאווענען מיט א גאות.

נאכן עסן זאגט מען שיר המעלות, מען פירט זיך אז מען זאגט עס מיט גאר א שטארקע כונה, און מיט געוויין, פון דעם וואס מען נעמט זיך אריין אין הארץ אז עס איז שוין אריבער אזא לאנגע צייט, און מיר האבן נאך אלץ נישט זוכה געווען צום שיבת ציון.

אויך ביים בענטשען -וואס עס איז דא דערין שטארקע געבעטן, אויף ירושלים און אויף דעם אויפבוי פונעם בית המקדש, און אויף ביאת משיח צדקנו, און אויף א גוט לעבן און אויף פרנסה טובה, און נאך אנדערע בקשות- דארף מען זאגן מיט כונה און מיט א גרויס התעוררות, זיך צו בעטן ביים מלך המשפט, פאר עס קומט דער פארכטיגער און הייליגע טאג, וואס איעדער מענטש ווערט דאן אפגעזיגעלט, און אין דעם זכות וואס די ענדע איז א גוטע, זאל אויף אונז נתעורר ווערן מליצי יושר וואס זאלן מכריע זיין דעם כף לזכות.

## געזונט לעכט

עס איז א מנהג אז מען צינד יום כיפור א "געזונט לעכט". מען צינד נאר איין לעכט פאר א גאנצע משפחה.

## ברכת הבנים

מען פירט זיך אז דער טאטע בענטשט אלע קינדער "ברכת כהנים", נאכדעם זאגט מען דעם יהי רצון מיט א געוויין און א בקשה צום רבונו של עולם, אז די קינדער זאלן אויפוואקסען בתורה ובמצוות וכו'

# יום כיפור

### יום סליחה

יום כיפור איז נקבע געווארן אלץ א "יום סליחה" נאך גלייך דער ערשטע יאר זייענדיג אין די מדבר נאכ'ן חטא העגל, ווען משה רבינו ע"ה איז אראפגעקומען פון הימל מיט די לוחות שניות און ער האט איבערגעגעבן פאר כלל ישראל די בשורה טובה אז דער רבונו של עולם האט געזאגט "סלחתי", איז שוין דעמאלט באשטימט געווארן יום כיפור אלץ א יום "סליחה וכפרה.

כדי זוכה צו זיין לסליחה ומחילה אין יום כיפור, דארף מען תשובה טאהן ווייל יום כיפור איז נאר מכפר "לשבים" דאס מיינט פאר די וואס טוען תשובה, מ'דארף מהרהר זיין בתשובה אויף אלע חטאים פון א גאנץ לעבן. נישט נאר אויף די עבירות פון די יאר, נאר אפילו אויף די עבירות פון א גאנץ לעבן וואס מען האט שוין תשובה געטוהן אויף דעם, ווי עס שטייט אין פסוק "וחטאתי נגדי תמיד".

### דעם הייליגקייט פונעם טאג

יום כיפור איז אזא הייליגע טאג, און יודען זענען גלייך צו מלאכי השרת.

### איסור מלאכה - און 5 פיינונגען

אלע זאכן וואס זענען אסור אין שבת וועגן מלאכה, איז אסור יום כיפור. ווי אויך זענען דא 5 עינוים וואס מען טאהר נישט טון און יום כיפור דאס זענען נישט עסען, טרינקען, וואשן, שמירן, אנטאן שיך וכו'. לויט טייל פוסקים זענען אלע 5 עינויים אסור מן התורה, אבער עסען און טרינקען איז די הארבסטער.

### די איסור רחיצה

מען טאר זיך נישט אפוואשן יום כיפור, אפילו נישט מיט קיין קאלט וואסער. און מען טאר זיך אפילו נישט איינטונקען דעם פינגער אין וואסער.

אויב איז מען אנגעקלעבט מיט שמוץ, מעג מען זיך יא אפוואשן דארט ווי מען איז שמוציג, אבער מען זאל זיין געווארנט זיך נישט אפציוואשן נאר דעם פלאץ וואס איז פארשמירט. סיידן אויב אסאך פלעצער אויפן קערפער זענען פארשמירט, מעג מען זיך אינגאנצן אפוואשן.

אינדערפרי נאכן אויפשטיין, זאל מען זיך נישט אפוואשן דעם פנים- אפילו ווען דאס נישט אפוואשן שטערט שטארק. אויך די אויגן זאל מען זיך נישט אפוואשן. אויב זענען די אויגן פארקלעבט, אדער דער פנים איז פארשמירט מעג מען זיך נאס מאכן די פינגערס, און אפוואשן דערמיט דעם פלאץ וואס איז פארשמירט. אבער מען זאל זיין געווארנט נישט אפציוואשן אויך אנדערע פלעצער.

### תפלת זכה

דער רמב"ן האלט, אז פארנאכט אנהויב יום הקדוש דארף מען זיך מתוודה זיין. דעריבער איז דער מנהג ביי טייל קהילות ישראל צו זאגן בציבור פאר כל נדרי, אשמנו וגו'. ביי רוב תפוצות ישראל איז מען יוצא דעם רמב"ן דורך זאגן תפלת זכה

### איבער בעטען די ספר תורה:

עס איז א מנהג ביי כלל ישראל אז פאר מיר פאנגען אן די עבודה פון יום כיפור פאר אלע תפילות בעט מען איבער די תורה אויף וואס מען האט עובר געווען דורך די יאר, און מען קישט די תורה און מען איז זיך מקבל פון היינט און וויטער יא צי מקיים זיין די תורה,

עס ווערט געברענג בשם האריז"ל אז מען קען דעמאלטס מתקן זיין גרויסע עבירות, און אויך ארויס גיין פון די כח הטומאה רח"ל:

**קיטל:**

מען טוט זיך אהן א ווייסע קיטל. צוויי טעמים איינס ווייל מיר זענען אזוי ווי מלאכים. צווייטענס כדי זיך צו דערמאנען די יום המות און אזוי וועלען מיר תשובה טון ווי עס דארף צו זיין.

**בשמים:**

מען פירט זיך צו שמעקן דורכן טאג פון יום כיפור "בשמים". דער טעם איז, וויבאלד מען עסט נישט יום כיפור, קומט אויס אז עס פעלט אסאך ברכות כדי משלים צו זיין "מאה ברכות בכל יום" וועגן דעם שמעקען מיר בשמים עטליכע מאהל און אזוי איז מען משלים די הונדערט ברכות.

**תפלת נעילה:**

תפלת נעילה איז גאר א הויכע תפלה, וועגן דעם אפילו מען איז שוין זייער אפגעשוואכט זאל מען זיך שטארקען און דאווענען נעילה מיט א ברען, ווי מיר ווייסען דאך אז "הכל הולך אחר החותם".

**תקיעת שופר נאך נעילה:**

מען בלאזט שופר נאך תפילת נעילה. ווייל עס איז א סימן פון "סילוק שכינה", די שכינה גייט צוריק ארויף אין הימל, ווייל יו"כ א גאנצן טאג קומט דער באשעפער אראפ צווישן אידן. מיר טרעפן ביי מתן תורה, ווען מען האט געבלאזן מיט די שופר איז געווען א סימן אז דער באשעפער איז שוין ארויף אין הימל און מען האט שוין געמעגט ארויף גיין אויף בארג סיני. עס שטייט אויך א פסוק אין תהלים, "עלה אלקים בתרועה". זעהן מיר פון דעם, אז דורך די בלאזונג פון א שופר גייט דער באשעפער ארויף.

אויך איז דאס א צייכן פון נצחון צו וויזן אז מיר האבן מנצח געווען די שטן.

**קידוש לבנה:**

מוצאי יום כיפור איז מען מקדש די לבנה.

**הבדלה**

מען גרייט צו א ליכט פאר הבדלה, און אויך בשמים צו שמעקן. דער לעכט דארף מען אנצינדען פון א נר ששבת, דאס מיינט א לעכט וואס האט געברענט יום כיפור, און נישט א נייע פייער וואס מען האט יעצט אנגעצינדען.

דער טעם פארוואס מען נוצט מוצאי יו"כ א נר ששבת איז, ווייל מוצאי שבת צונט מען אהן די הבדלה ווייל אדם הראשון האט געמאכט א פייער דער ערשטע מאהל מוצאי שבת, אבער מוצאי יום כיפור צינט מען אהן הבדלה וועגן אן אנדערע טעם, צו וויזען אז א גאנצע טאג האט מען נישט געמעגט מאכן קיין פייער און יעצט מעג מען שוין יא.

**בניית הסוכה:**

מוצאי יום כיפור הייבט מען אהן צו בויען די סוכה, כדי אז מען זאל גיין "מחיל לחיל" פון איין מצוה צום צווייטען.

**סעודת מוצאי יום כיפור:**

מוצאי יום כיפור איז א שטיקל יום טוב, דערפאר וואשט מען זיך צו א סעודה, און מען איז זיך משמח. אסאך פירן זיך צו זינגען דעם פזמון פון "המבדיל" וואס איז מקובל פון אריז"ל וואס איז געדריקט אין די מחזורים.

אין מדרש שטייט אז מוצאי יום כיפור גייט ארויס א בת קול וואס זאגט: "לֵךְ אֱכוֹל בְּשִׂמְחָה לַחֲמֶךָ וּשְׁתֵה בְלֶב יֵינֶךָ כִּי כְּבָר רָצָה אֱלֹקִים אֶת מַעֲשֶׂיךָ". דערפאר וואשט מען זיך צו א סעודה, און מען איז זיך משמח.

# דברי תורה

## ויאמר השם סלחתי כדברך,

עס איז אמת אז דער אויבערשטער איז א סולח ומוחל דער אויבערשטער איז מוחל די זונד פון די מענטשען וואס בעטין אים איבער, אבער עס ווענדט זיך ווי שטארק מען בעהט . ווען אלע אידן וואלטן תשובה געטוהן פון טיפען הארץ מיט גרויס ביטערניש מען וואלט זיך זייער שטארק מצער געווען אויף דעם צער גלות השכינה מען וואלט אמת'דיג געפילט דעם ווייטאג וואס די הייליגע שכינה האט אויף דעם גלות וואס אידן קענען נישט טוהן דאס עבודת השם וואלט אוודאי משיח געקומען,

ויאמר השם סלחתי כדברך , לויט דעם זאגען פון מענטש לויט די בחינה ווי ער בעהט אויב ער טוט תשובה פון טיפען הארץ ווי מען דארף דעמאלט איז דאס פארצייאונג (סליחה) אויף בשלימות , דער זונד ווערט אויסגעמעקט אינגאנצען - "כדברך" ווי דיין זאגען און בעטן איז, אזוי איז דאס איבערבעטונג .

(תפארת שלמה)

## וסלחת לעוני כי רב הוא.

דער "תרגום יונתן", טייטשט דעם פסוק "אוי מי יחי' משומו א-ל", אַז ווער וועט זיך קענען דערהאַלטן, דעמאָלט ווען השי"ת וועט באַצאָלן דעם שכר פאַר די צדיקים, און געבן דעם עונש פאַר די רשעים.

קען זיין אַז אויף דעם ענטפערט דער מדרש, "וסלחת לעוני כי רב הוא", די כוונה פון "כי רב הוא", גייט אַרויף אויף די "כוחות היצר", ווי די גמרא (ברכות לב.) זאָגט אַז השי"ת אַליין וועט זאָגן (מיכה ד') "ואשר הרעותי", זאָגט רש"י פשט אַז השי"ת וועט זאָגן "אני גרמתי להם שבראתי יצר הרע".

קומט אויס אַז דאָס וועט זיין אַ גרויסער לימוד זכות אויף אידישע קינדער, אַז דער יצר הרע וואָס "מניח כל האומות ומתגרה בהם בישראל", איז געווען זייער גרויס און ער האָט זיך אויף די אידן פאַרלייגט מיט געוואַלדיגע כוחות, איז נישט קיין חידוש, אַז זיי זענען נישט בייגעשטאַנען די אַלע שווערע נסיונות.

דאָס איז די כוונה פונעם מדרש "אוי מי יחי' משומו א-ל", און וויאַזוי וועלן אידן זוכה זיין ביים גרויסן יום הדין, ענטפערט אויף דעם דער מדרש "וסלחת לעוני", השי"ת וועט מוחל זיין פאַר אידן זייערע עבירות, ווייל "כי רב הוא", דער יצר הרע איז געווען זייער שטאַרק.

(דברי יואל)

## כי ביום הזה יכפר עליכם

קען זיין פשט אין פסוק אזוי, די חז"ל זאגן [מגילה כח.] אז מען טאר נישט קוקן א רשע אין זיין פנים, הקב"ה היט אפ די תורה דערפאר קוקט נישט השי"ת אין די פנים פון די רשעים, און די הסתרת פנים איז זייער גרויס.

עס איז באקאנט אז דער וואס איז עובר אפילו אויף א גרינגן איסור דרבנן ווערט ער אנגערופן א רשע ביז ווילאנג ער טוהט תשובה, ווער פון אונז קען אויף זיך זאגן "מיין הארץ איז ריין פון עבירות", אז ער האט נישט עובר געווען אויף אן איסור דרבנן, קומט אויס אז השי"ת קען נישט קוקן אויף אונז, מיר זענען גורם אז די הסתרת פנים איז זייער גרויס, דורך אונזערע עבירות באהאלט זיך הקב"ה פון אונז, ער קען נישט קוקן אויף אונז.

דאס זאגט דער פסוק "כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם" וואס דורך דעם וועט איר זוכה זיין אז איר וועט זיין לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ" הקב"ה וועט קענען קוקן אויף אונז, ער וועט זיך נישט באהאלטן פון אונז, און דעמאלט וועט אונז שוין גארנישט פעהלן.

ישמח משה

# עבודת יום הכיפורים

**יום כיפור** אינדערפרי ווען עס איז געווארן ליכטיג איז דער כהן גדול זיך געגאנגען די **ערשטע מאל** טובל'ן און אנגעטון די גאלדענע קליידער, אין זיך די **ערשטע מאל** געהייליגט זיין הענט און פיס.

**מען** האט געברענגט פארן כהן גדול די קרבן תמיד און ער האט גע'שחט'ן דעם קרבן תמיד נאר רוב סימנים פון האלז, און אן אנדערע כהן האט צוגעענדיגט די גאנצע שחיטה, כדי די כהן גדול זאל קענען איבערנעמען די בלוט און שפריצען.

**די** כהן גדול האט גענומען די בלוט און געשפריצט אויף די מזבח החיצון אין נאכדעם איז ער אריין אין היכל. ער האט מקטיר געווען די קטורת פון צופרי אויף די גאלדענע מזבח און אויסגעפיצט די מנורה.

**ער** איז צוריק ארויס אין הויף און מקריב געווען די קאפ און אלע שטיקער פלייש פונעם קרבן תמיד. אויך האט ער מקטיר געווען זיין מנחת חביתין און געגאסען די וויין אויפן מזבח.

**דערנאך** האט ער זיך די **צווייטע מאל** געהייליגט זיין הענט און פיס און זיך די **צווייטע מאל** געטובל'ט און אנגעטאן די ווייסע קליידער און האט די **דריטע מאל** זיך געהייליגט זיין הענט און פיס.

**נאכדעם** איז דער כהן גדול געגאנגען צו זיין שטיר (אקס) וואס ער האט געקויפט מיט זיין אייגענע געלט, און ער האט אנגעלעהנט זייןביידע הענט און געזאגט די **ערשטע מאל** ווידוי פאר זיך און זיין ווייב. ווייל ער גייט דאך יעצט טוהן די עבודה פון מקריב זיין קרבנות כדאי השי"ת זאל מוחל זיין די אידנ'ס עבירות , מוז ער אליין זיין ריין קודם פון זיינע עבירות. ווענן דעם האט ער קודם געזאגט ווידוי פאר זיך און נאכדעם איז ער געגאנגען טוהן די עבודה פאר אלע אידן.

**ווען** דער כהן גדול האט ארויסגעזאגט די שם המפורש, האבן אלע אידן זיך געבוקט און געזאגט **ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.**

**דערנאך** איז ער געגאנגען צו מערב זייט וואו עס איז געווען די צוויי ציגעלעך צו מאכען די גורל. די סגן כהן גדול איז מיטגעגאנגען ביי זיין רעכטע זייט און די ראש בית אב פון זיין לינקע זייט, און דארט איז געווען צוויי ציגלעך און אויך א קעסטל וואס אינעווייניג איז געווען צוויי צעטלעך. דער כהן גדול האט שנעל ארויס גענומען די צוויי צעטלעך, אויף איין צעטל איז געווען געשריבן **לד'** און אויף די צווייטע איז געווען געשריבן **לעזאזל.** אויב די צעטל וואס איז געווען געשריבן לד' איז אויסגעקומען אין זיין רעכטע האנט האט דער סגן כהן גדול געזאגט, מיין הער כהן גדול הייב אויף דיין רעכטע האנט, און אויב עס איז אויסגעקומען אין זיין לינקע האנט, האט דער ראש בית אב געזאגט מיין הער כהן גדול הייב אויף דיין לינקע האנט.

**דער** כהן גדול האט ארויף געלייגט די צעטלעך אויף די ציגעלעך, און ער האט געזאגט לד' חטאת, און ווען ער האט געזאגט לד' האט ער דאס ארויס געזאגט מיט די שם המפורש, און אלע אידן האבן געענטפערט **ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.**

**דערנאך** האט ער צוגעבינדן א רויטע וואלענע פאדים אויף די הערנער פונעם ציגעלע וואס מען גייט פארשיקן צום עזאזל, כדי די ציגעלעך זאלן זיך נישט אויסמישן. און ער האט געשטעלט די ציגעלע ביים שער המזרח פון די עזרה. אויף די ציגעלע וואס מען גייט שחט'ן האט ער צוגעבינדן די רויטע וואלענע פאדים אויף איר האלז. דערנאך איז ער צוריק געגאנגען צו זיין שטיר (אקס) צום צווייטן מאל, און ער האט אנגעלעהנט זיין הענט אויף איר און געזאגט די **צווייטע מאל** ווידוי, און ווען ער האט ארויסגעזאגט דעם שם המפורש האבן אלע אידן געענטפערט **ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.**

**דערנאך** האט ער געשחט'ן זיין שטיר און ער האט מקבל געווען די בלוט מיט א כלי וואס איז געווען שפיציג פון אונטן, עס איז געווען שפיציג כדי מען זאל עס נישט קענען

אראפליגן ווייל אז מען לייגט עס אראפ ווערט די בלוט פארהארטוועט , און ער האט איבערגעגעבן די בלוט פאר א אנדערע כהן וואס איז געשטאנען אויף די פערטע שורה פונעם היכל און געהאלטן אין איין מישען דאס בלוט כדי עס זאל נישט ווערן פארגליווערט. פארוואס איז ער נישט געגאנגען גראד שפריצען דאס בלוט ביים קדשי קדשים ווייל די כהן גדול האט נישט געטארט טוהן קיין שום זאך אין קדשי קדשים פארן מקטיר זיין קטורת.

**דערנאך** האט ער גענומען א גרינגע גאלדענע רויטע פאן וואס האט געהאט א לאנגע הענטל וואס קען האלטן דריי קבין, און ער איז ארויף אינמיטן פון כבש ביז די מזבח און ער האט געשארט די קוילן אהער און אהין און ארויסגעשארט פונעם אינעווייניגסטע פארברענטע קוילען און עס אראפגעלייגט אויף די פערטע שורה פון די עזרה.

**נאכדעם** האט מען **ארויס** געברענגט א לעפל פון א שטיבל וואס הייסט לשכת הכלים. און א פאן פון קטורת פון בית אבטינס, און ער האט אנגעפילט א פילע הויפען מיט קטורת און אריינגעלייגט אינעם לעפל, און ער האט גענומען די פאן מיט די קוילען וואס איז געלעגן אויף די פערטע שורה פון די עזרה אין זיין רעכטע האנט און די לעפל מיט די קטורת אין זיין לינקע האנט און אריין די ערשטע מאל אין קדשי קדשים ביז די ארון און אראפ געלייגט די פאן צווישן די צווי שטאנגען פון די ארון און ער האט ארויף געלייגט די קטורת אויף די קוילן, און די גאנצע קודש הקדשים איז געווארן אנגעפולט מיט רויעך, און ער איז ארויס צום היכל מיטן רוקען אויף צוריק, און דער כהן האט דארט מתפלל געווען א תפלה קצרה.

אלע עבודות פון דעם טאג האט דער כהן גדול אליין געטוהן, (אנדערש ווי א גאנץ יאר וואס אנדערע כהנים האבן געמעגט טון די עבודה). די עבודות פון תמידין און מוספין האט דער כהן גדול געטוהן מיט די שמונה בגדי זהב ווי געוועינטליך, און די עבודות וואס זענען געווען ספעציעל פאר יו״כ (עבודות פנים) האט ער געטוהן אין די 4 בגדי לבן (מכנסיים - כתונת - אבנט - מצנפת) די בגדי לבן ווערן אנגערופען ״לבן״ ווייל זיי זענען געווען נאר פון לינען, דער טעם פארוואס דער כהן גדול האט אלע עבודת ״פנים״ געטוהן מיט בגדי לבן, איז ווייל ״אין קטיגר נעשה סניגר״ דאס מיינט דער זעלבע וואס רעדט שלעכטס קען נישט קומען און רעדען גוטס, און אזוי ווי די עגל איז געווען פון גאלד, טוט מען נישט אהן קיין גאלד ווען מ׳וויל רעדען און בעטען גוטס פאר כלל

**דערנאך** האט דער כהן גדול גענומען די בלוט פון זיין שטיר פון דער כהן וואס האט דאס געמישט און איז אריין צום צווייטן מאל אין קדשי קדשים, און געשפריצט אחת למעלה ושבע למטה, איינס אויף אויבן און זיבען אויף אינטען. און בשעת ער האט געשפריצט האט ער דאס געציילט אחת, אחת ואחת, אחת ושתים....א.א.וו. און נאכדעם איז ער ארויס, און ער האט אראפגעלייגט די איבעריגע בלוט אויף א גאלדענע געשטעל וואס איז געווען אינעם היכל.

**מען** האט געברענגט פארן כהן גדול די ציגעלע וואס איז אויסגעקומען ביים גורל **לד׳** און ער האט דאס געשחט׳ן און ער האט מקבל געווען די בלוט מיט א שפיציגע כלי און איז אריין אין קודש הקדשים די דריטע מאל. און ער האט געשפריצט אחת למעלה ושבע למטה און בשעת ער האט געשפריצט האט ער דאס געציילט, און ער איז ארויס און אראפגעלייגט די איבעריגע בלוט אויף א צווייטע געשטעל.

**דערנאך** האט ער נאכאמאל גענומען די בלוט פונעם שטיר און געשפריצט אינעם היכל לעבן די פרוכת אנטקעגן דעם ארון אחת למעלה ושבע למטה און בשעת ער האט דאס געשפריצט האט ער דאס געציילט.

**דערנאך** האט ער גענומען די בלוט פון די ציגעלע און אראפגעלייגט די בלוט פונעם שטיר און געטון די זעלבע זאך וואס ער האט געטון מיט די בלוט פון די שטיר, און דערנאך האט ער די בײדע בלוט׳ן גוט אויסגעמישט.

**און** ער האט גענומען דאס בלוט, און איז געגאנגען צו די

גאלדענע מזבח און ער האט געשפריצט ביי די פיר עקן אנגעפאנגען ביים מזרח צפון ווינקל.

**דערנאך** האט ער אוועק געשארט די אש וואס איז געלעגן אינמיטן פונעם מזבח הזהב, ביז מען האט געקענט זעהן די גאלד און דארט געשפריצט זיבן מאל, און די איבעריגע בלוט האט ער אריינגעגאסן אינעם אפגרונד אויף מערב זייט פונעם מזבח.

**נאכן** שפריצען דאס בלוט איז דער כהן גדול געגאנגען צום ציגעלע וואס מען גייט אים שיקן צום עזאזל, און ער האט אנגעלעהנט זיינע צוויי הענט אויף אים צווישן די הערנער, און געזאגט צום דריטן מאל ווידוי פאר אלע אידן, און ווען ער האט ארויס געזאגט דעם שם המפורש האבן אלע אידן זיך געבוקט און געזאגט **ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.**

**דער** כהן האט איבערגעגעבן די ציג פאר א מענטש וועם מען האט אנגעגרייט פאר יו"ט, און ער האט געטראגן די ציג צום שפיציגן בארג וואס איז געווען אין מדבר.

**בשעת** מען האט געטראגן די ציגעלע צום שפיציגען בארג איז דער כהן גדול געגאנגען צו זיין שטיר און די ציגעלע וואס איז אויסגעקומען לד׳ און אויפגעריסען ביי זייער בויך און ארויסגענומען די פעטנס און אריינגעלייגט אין א שיסל און עס אנגעגרייט מקריב צו זיין אויפן מזבח. דערנאך האט ער צוזאך געפלאכטן ביידע בהמות און מען האט עס ארויסגעטראגן צום פארברענען.

**פארן** אראפוואורפן די ציגעלע פון בארג האט די כהן צושניטן די רויטע בענדל פון צווישן די הערנער אויף האלב. האלב האט ער געלאזט אויף די ציגעלע און האלב האט ער ארויפגעבינדן אויפן בארג. אזוי ווי די בארג איז געווען פיל מיט פעלזן שטיינער, האט זיך די ציגעלע צושטיקלט אויף שטיקלעך בשעת׳ן אראפווארפן.

**און** אויב די אידן האבן אמת׳דיג תשובה געטוהן איז די רויטע בענדל פון בארג געווארן ווייס.

**נאכן** אראפווארפן די ציגעלע פון בארג איז דער כהן גדול געקומען אין עזרת נשים אין בית המקדש אין דער חזן הכנסת האט גענומען די ספר תורה און עס געגעבן צו די ראש הכנסת אין די ראש הכנסת צו דער סגן כהן גדול און דער סגן כהן גדול צו דער כהן גדול, און דער כהן גדול האט זיך אויפגעשטעלט און גענומען די ספר תורה און געליינט שטייענדיג, און ער האט געמאכט גלילה און אריין געלייגט די ספר תורה אין זיין שויס און געזאגט, מער וויפיל איך האב געליינט פאר ענק איז דא געשריבן, און דערנאך האט ער געליינט אויסענווייניג פון במדבר פרשת פנחס וואס דארט שטייט אויך פון יום כיפור.

**און** דערנאך האט ער געמאכט אכט ברכות.

**נאכדעם** האט זיך דער כהן גדול די **פערדע מאל** געהייליגט זיין הענט און זיין פיס, זיך אויסגעטון און זיך די **דריטע מאל** געטובל׳ט, זיך אפגעטריקנט, אנגעטון די גאלדענע קליידער און זיך די **פיפטע מאל** געהייליגט די הענט און פיס, און געגאנגען מקריב זיין, זיין ווידער און די ווידער פון דער פאלק און די זיבן שעפסן און די ציג פון קרבן מוסף און דער תמיד של בין הערבים.

**נאכדעם** האט דער כהן גדול זיך די **זעקסטע מאל** געהייליגט זיין הענט און זיין פיס, זיך אויסגעטון, די **פערדע מאל** זיך געטובל׳ט, אנגעטון די ווייסע קליידער, זיך די **זיבעטע מאל** געהייליגט הענט און פיס, און אריינגעגאנגען אין קודש הקדשים און ארויס גענומען די לעפל און די פאן וואס ער האט אריינגעטראגן דאס ערשטע מאל מקטיר צו זיין די קטורת.

**דערנאך** האט ער זיך די **אכטע מאל** געהייליגט הענט און פיס, זיך אויסגעטון , די **פיפטע מאל** זיך געטובל׳ט, זיך אנגעטון די גאלדענע קליידער און זיך די **נייטע מאל** געהייליגט הענט און פיס, און אריינגעגאנגען אין היכל מקטיר צו זיין די קטורת פון נאכמיטאג, און אנגעצינדן די מנורה,

**און** דערנאך זיך די **צענטע מאל** געהייליגט דיין הענט און זיין פיס, זיך אויסגעטון, און אנגעטון זיין אייגענע קליידער, און מען האט אים באגלייט ביז זיין הויז, און א יום טוב האט ער געמאכט מוצאי יום כיפור פאר זיינע קרובים און חברים.

אמת - מה נהדר היה מראה כהן גדול בצאתו בשלום מן הקודש ובכן כמו ששמעת תפלת כהן גדול בהיכל כמו כן מפינו תשמע ותושיע
יהי רצון מלפניך ה׳ אלוקינו ואלוקי אבותינו שיבנה בית המקדש במהרה בימינו ותן חלקינו בתורתיך ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים קדמוניות

# כפרות שלאגן פון א תמימות'דיגן איד'ל

צום הייליגן צדיק הרה"ק רבי ר' אלימלך פון ליזענסק איז געקומען איינער פון זיינע דערהויבענע חסידים אין די נאכט פון ערב יו"כ, און האט אויסגעדריקט זיין בקשה אז ער וויל זעהן די כפרות שלאגן פונעם רבי'ן, באטאנענדיג אז ער קומט שוין צו פארן קיין ליזענסק היבשע יארן און ער האט נאך קיינמאל נישט זוכה געווען צו זעהן דעם רבי'נס כפרות-שלאגן.

דער רבי ר' אלימלך הערט צו זיין בקשה און פרעגט אים צוריק מיט א שמייכל: "וואס איז דער חילוק פון מיין כפרות שלאגן און דיינס?" דער חסיד פארלירט זיך נישט און ענטפערט צום רבי'ן: וויאזוי קען דער רבי צוגלייכן מיין פשוטע כפרות שלאגן, צום רבינ'ס וועלכעס איז זיכער מיט כוונות און יחודים? זאגט אים דער רבי ר' אלימלך: "דער חילוק פון אונזביידע איז נאר אז דו ביסט מקפיד צו האבן א ווייסע האן, און מיר איז נישט קיין נפק"מ, איך נעם אויך א ברוינע אדער א שווארצע, אבער טאמער ווילסטו יא זעהן וואס מיינט "כפרות שלאגן", דאן פאר אריבער צום דערבייאיגן דארף, דארטן וועסטו טרעפן א איד וועלכער פירט א שענק און קוקט דיר גוט צו, צו זיין כפרות-שלאגן.

דער חסיד שפאנט גלייך איין זיין פערד און וואגן און פארט אריבער צום דארף. אנקומענדיג אהין האט ער אביסל ארומשפאצירט ביז ער האט טאקע געפינען דעם שענק פונעם איד. ער איז אנגעקומען צום טיר, און פון אינדרויסן האט ער שוין געשמעקט דעם גערוך פון די אלע וויינען און בראנפען. אריינקומענדיג האט ער געזען ווי עס זיצן דארטן פיהל ערלים וועלכע שיכור'ן זיך אהן און רויכערן, אזש אז ס'איז איהם פשוט שווער געווען צו שטיין דארטן פונעם גערוך אליין.

ס'האט אים אביסל געוואונדערט אז צו אזא מענטש האט אים דער רבי געשיקט, אבער ער האט באלד פארשטאנען אז זיכער איז ער א ל"ו צדיק. איז ער טאקע באלד צוגעגאנגען צו דעם איד און געפרעגט צי ער קען דא איבערשלאפן די נאכט. דער איד האט אנגעהויבן זיך ארויסדרייען זאגנדיג אז ס'נישט דא קיין פלאץ, און נאך פארשידענע אויסריידן. אבער דער איד האט זיך נישט געלאזט, נאר אזוי לאנג געמוטשעט ביז ער האט טאקע אויסגעפירט און דער איד האט אים געגעבן א ווינקל וואו זיך אראפצולייגן.

דער איד האט נישט פארמאכט קיין אויג די גאנצע נאכט, נאר ער האט צוגעקוקט און געווארט אויף דאס קומענדיגע. ווי-נאר דער זייגער קלאפט אויף צוועלף, איז דער איד אויפגעשטאנען און אנגעהויבן פארשיקן די ערלים, ביז צוביסלעכווייז איז די קרעטשמע געווארן אויסגעליידיגט. דאן האט דער קרעטשמער גערופן זיין אידענע, און איר געזאגט זי זאל ברענגען דעם נאטיץ ביכל וואס ליגט אינעם שאפע.

דער איד פאנגט אהן מישן דעם ביכל, און מיט א פשוט'ן תמימות פאנגט ער אהן אפצולייענען דעם ביכל, און רעכנט אויס די אלע עבירות וואס איז געווען דארט פארשריבן אז ער האט געטוהן אין דעם פארגאנגענעם יאר: אין יענעם טאג, ווען ס'איז אריינגעקומען א קונה האב איך אים אויסגענארט און גענומען א טייערן פרייז; אין יענעם טאג, האב איך פארגעסן צו דאווענען מעריב; און אזוי האט ער אויסגערעכנט אלע עבירות פון דעם יאר, און דער איד האט זיך ביטערליך צעוויינט, שרייענדיג: "באשעפער! איך האב זיך דאך אונטערגענומען אנהויב יאר אז איך וועל זיין גוט, וואס איז געשען? קוק וויאזוי איך זעה אויס", און אזוי האט ער יאמערליך געוויינט.

ווען ער האט געענדיגט ליינען דעם נאטיץ ביכל, האט ער געשיקט דעם אידענע ברענגען דעם צווייטן ביכל, און ער האט עס גענומען אין האנט אריין און אנגעהויבן לייענען: אין יענעם טאג, האב איך פארלוירן א ריזיגן סומע געלט; אין יענעם טאג איז מיין טאכטער אוועק פון דער וועלט; און אזוי האט ער אויסגערעכנט אלע צרות וואס איז אויף אים אדורך דעם גאנצן יאר, און זיך נאכמער צעוויינט, זאגנדיג: רבונו של עולם! דו האסט מיר דאך צוגעזאגט אז איך וועל האבן א פיינעם יאר! און קוק וויאזוי די יאר איז מיר אדורך...

נאכן דורכליינען ביידע ביכער רופט ער זיך אהן: טאטע! לאמיר זיך אויסגלייכן; דו ביזט מיר נישט שולדיג, און איך בין דיר נישט שולדיג – און דער קומענדיגער יאר וועט אי"ה זיין א פיינער יאר...!

ער האט גענומען ביידע קונטרסים, און עס ארומגעדרייט העכער'ן קאפ זיך אונטערזינגענדיג: "זה חליפתי... זה כפרתי... זה תמורתי..." און ער האט ארויסגעווארפן די ביכלעך פון הויז.

דער חסיד וועלכער האט נישט פארמאכט קיין אויג די גאנצע צייט איז געווארן מורא'דיג איבערגענומען פון די תמימות פונעם פשוט'ן איד וועלכער האט געשלאגן כפרות אהן כוונות און יחודים, אבער געשלאגן!... און הייסע שנירלעך טרערן זענען אראפגערינען אויף זיינע באקן. מער האט ער שוין נישט געדארפט, ער האט זיך אויפגעהויבן און איז צוריקגעפארן צום צדיק דער רבי ר' אלימלך און געזאגט די רבי איז גערעכט דאס מיינט כפרות שלאגן.

איינמאל יום כיפור ביינאכט, ווען דער

בארדיטשעווער רב האט אנגעהויבן זאגן **"סלח נא לעון העם הזה"**, איז ער פאר'ן אויסשרייען **"ויאמר ה' סלחתי כדבריך"** אוועקגעגאנגען פון עמוד, און איז צוגעגאנגען צו א איד וואס איז געווען אנגעלאנט מיט זיין קאפ אויף א שטענדער און שטיל געוויינט.

**פארוואס** וויינסטו און קלאגסט אזוי, מיין זוהן?

**פארוואס** זאל איך נישט וויינען? – האט דער איד געענטפערט א צובראכענער: איך בין געזעסן אין א דארף, געמאכט א בכבוד'יגע לעבן, און מקיים געווען די מצוה פון "הכנסת אורחים". ווער עס איז אריין א הונגעריגער אין מיין הויז, איז ארויס געגאנגען א זאטער.

**מיין** ווייב איז געווען נאך פרומער פון מיר זי פלעגט ארויסגיין אין די וועגן אויפזיכן הונגעריגע ארעמעלייט, אריינברענגען זיי אין אונזער הויז געבן זיי צו עסן, און טרינקן, און א בעט צו שלאפן.

**גייט** ער, דער איד ווייזט מיט די פינגער צום הימל, און נעמט פון מיר אוועק מיין טייערע פרוי.

**איז** דאס נאך ווייניג פאר אים, פארברענט ער מיין הויז מיט אלע זאכן אינעווייניג, און איך בין געבליבן מיט 6 קליינע קינדער, בעירום ובחוסר כל.

**האב** איך געהאט א גרויסע קרבן מנחה סידור, וואס דארט איז געשטאנען, פיוטים מיט אלע יוצרות, מ'האט גארנישט געדארפט מישן.

**איז** אויך די סידור פארברענט געווארן, און איך האב אפילו נישט אין וואס צו דאווענען.

**נו.** פרעג איך אייך "רבי" – קען איך אים דאס אלס מוחל זיין?

**האט** די בארדיטשעווער רב געהייסן אויפזיכן א סידור, דעם זעלבן סידור וואס די דארפס איד האט געהאט, ווען מ'האט געברענגט די סידור האט די בארדיטשעווער שטייטליך געמישט דעם סידור, נאכ'ן איבער מישן דעם גאנצן סידור, האט ער געפרעגט דעם איד:

איז עס דאס זעלבע סידור וואס דו האסט אמאל געהאט? יעצט ביסטו אים שוין מוחל?

וויבאלד עס איז דאך היינט יוכ"פ, בין איך אים מוחל.

דו הערסט באשעפער וואס דער איד זאגט?

איז דער בארטשיווער רב צוריק געגאנגען צום עמוד און אויסגערופן:

עס איז דאך היינט יוכ"פ ער איז דיר מוחל, **"ויאמר ד'"** – זאג דו אויך **"סלחתי"**.

**צום** הייליגן צדיק הרה"ק רבי ר' אלימלך פון ליזענסק איז געקומען איינער פון זיינע דערהויבענע חסידים אין די נאכט פון ערב יו"כ, און האט אויסגעדריקט זיין בקשה אז ער וויל זעהן די כפרות שלאגן פונעם רבי'ן, באטאנענדיג אז ער קומט שוין צו פארן קיין ליזענסק היבשע יארן און ער האט נאך קיינמאל נישט זוכה געווען צו זעהן דעם רבי'נס כפרות-שלאגן.

**דער** רבי ר' אלימלך הערט צו זיין בקשה און פרעגט אים צוריק מיט א שמייכל: "וואס איז דער חילוק פון מיין כפרות שלאגן און דיינס?" דער חסיד פארלירט זיך נישט און ענטפערט צום רבי'ן: וויאזוי קען דער רבי צוגלייכן מיין פשוטע כפרות שלאגן, צום רבינ'ס וועלכעס איז זיכער מיט כוונות און יחודים? זאגט אים דער רבי ר' אלימלך: "דער חילוק פון אונז ביידע איז נאר אז דו ביסט מקפיד צו האבן א ווייסע האן, און מיר איז נישט קיין נפק"מ, איך נעם אויך א ברוינע אדער א שווארצע, אבער טאמער ווילסטו יא זעהן וואס מיינט "כפרות שלאגן", דאן פאר אריבער צום דערבייאיגן דארף, דארטן וועסטו טרעפן א איד וועלכער פירט א שענק און קוקט דיר גוט צו, צו זיין כפרות-שלאגן.

**דער** חסיד שפאנט גלייך איין זיין פערד און וואגן און פארט אריבער צום דארף. אנקומענדיג אהין האט ער אביסל ארומשפאצירט ביז ער האט טאקע געפינען דעם שענק פונעם איד. ער איז אנגעקומען צום טיר, און פון אינדרויסן האט ער שוין געשמעקט דעם גערוך פון די אלע וויינען און בראנפען. אריינקומענדיג האט ער געזען ווי עס זיצן דארטן פיהל ערלים וועלכע שיכור'ן זיך אהן און רויכערן, אזש אז ס'איז איהם פשוט שווער געווען צו שטיין דארטן פונעם גערוך אליין.

**ס'האט** אים אביסל געוואונדערט אז צו אזא מענטש האט אים דער רבי געשיקט, אבער ער האט באלד פארשטאנען אז זיכער איז ער א ל"ו צדיק. איז ער טאקע באלד צוגעגאנגען צו דעם איד און געפרעגט צי ער קען דא איבערשלאפן די נאכט. דער איד האט אנגעהויבן זיך ארויסדרייען זאגנדיג אז ס'נישט דא קיין פלאץ, און נאך פארשידענע אויסריידן. אבער דער איד האט זיך נישט געלאזט, נאר אזוי לאנג געמוטשעט ביז ער האט טאקע אויסגעפירט און דער איד האט אים געגעבן א ווינקל וואו זיך אראפצולייגן.

**דער** איד האט נישט פארמאכט קיין אויג די גאנצע נאכט, נאר ער האט צוגעקוקט און געווארט אויף דאס קומענדיגע. ווי-נאר דער זייגער קלאפט אויף צוועלף, איז דער איד אויפגעשטאנען און אנגעהויבן פארשיקן די ערלים, ביז צוביסלעכווייז איז די קרעטשמע געווארן אויסגעליידיגט. דאן האט דער קרעטשמער גערופן זיין אידענע, און איר געזאגט זי זאל ברענגען דעם נאטיץ ביכל וואס ליגט אינעם שאפע.

**דער** איד פאנגט אהן מישן דעם ביכל, און מיט א פשוט'ן תמימות פאנגט ער אהן אפצולייענען דעם ביכל, און רעכנט אויס די אלע עבירות וואס איז געווען דארט פארשריבן אז ער האט געטוהן אין דעם פארגאנגענעם יאר: אין יענעם טאג, ווען ס'איז אריינגעקומען א קונה האב איך אים אויסגענארט און גענומען א טייערן פרייז; אין יענעם טאג, האב איך פארגעסן צו דאווענען מעריב; און אזוי האט ער אויסגערעכנט אלע עבירות פון דעם יאר, און דער איד האט זיך ביטערליך צעוויינט, שרייענדיג: "באשעפער! איך האב זיך דאך אונטערגענומען אנהויב יאר אז איך וועל זיין גוט, וואס איז געשען? קוק וויאזוי איך זעה אויס", און אזוי האט ער יאמערליך געוויינט.

**ווען** ער האט געענדיגט לייענען דעם נאטיץ ביכל, האט ער געשיקט דעם אידענע ברענגען דעם צווייטן ביכל, און ער האט עס גענומען אין האנט אריין און אנגעהויבן לייענען: אין יענעם טאג, האב איך פארלוירן א ריזיגן סומע געלט; אין יענעם טאג איז מיין טאכטער אוועק פון דער וועלט; און אזוי האט ער אויסגערעכנט אלע צרות וואס איז אויף אים אדורך דעם גאנצן יאר, און זיך נאכמער צעוויינט, זאגנדיג: רבונו של עולם! דו האסט מיר דאך צוגעזאגט אז איך וועל האבן א פיינעם יאר! און קוק וויאזוי די יאר איז מיר אדורך...

**נאכן** דורכליינען ביידע ביכער רופט ער זיך אהן: טאטע! לאמיר זיך אויסגלייכן; דו ביזט מיר נישט שולדיג, און איך בין דיר נישט שולדיג - און דער קומענדיגער יאר וועט אי"ה זיין א פיינער יאר...!

**ער** האט גענומען ביידע קונטרסים, און עס ארומגעדרייט העכער'ן קאפ זיך אונטערזינגענדיג: "זה חליפתי... זה כפרתי... זה תמורתי..." און ער האט ארויסגעווארפן די ביכלעך פון הויז.

**דער** חסיד וועלכער האט נישט פארמאכט קיין אויג די גאנצע צייט איז געווארן מורא'דיג איבערגענומען פון די תמימות פונעם פשוט'ן איד וועלכער האט געשלאגן כפרות אהן כוונות

און יחודים, אבער געשלאגן!... און הייסע שנירלעך טרערן זענען אראפגערינען אויף זיינע באקן. מער האט ער שוין נישט געדארפט, ער האט זיך אויפגעהויבן און איז צוריקגעפארן צום צדיק דער רבי ר׳ אלימלך דערציילן וואס ס׳איז פארגעקומען.

ווען רבי אלימלך האט דאס אלעס געהערט, האט ער זיך אנגערופן: "דאס זאגט דער פסוק (תהלים לח, ה-י) ׳כי עוונותי עברו ראשי... ה׳ נגדך כל תאותי׳ אבער קעגן דעם ׳ואנחתי ממך לא נסתרה׳". דאס הייסט, דער באשעפער ווייסט אז ער האט עבירות, אבער ער זעט אויך די צרות וואס דער איד האט מיטגעמאכט דורכ׳ן יאר, און מען פארגלייכט זיך.

**אין יום כיפור האט מען מקריב געווען די פאלגענדע קרבנות:**

## א) קרבנות כהן גדול:

1 פר (חטאת פנימית)

1 איל (עולה)

קרבנות פון כהן גדול האט ער געברענגט פון זיין אייגענע געלט

**"בזאת יבא אהרן אל הקדש בפר בן בקר לחטאת, ואיל לעולה".**

## ב) קרבנות ציבור:

1 שעיר (חטאת פנימית, הוא השעיר אשר עלה עליו הגורל לה')

און אויך א שעיר לעזאזל וואס דאס איז נישט קיין קרבן.

אויך אן איל לעולה (**איל העם**) וואס ווערט דערמאנט אין פרשת אחרי און אויך אין פרשת פנחס ביי די מוספים, כאטש מען האט דאס נישט מקריב געווען מיט די מוספים, נאר מען האט דאס מקריב געווען צוזאמען מיט די איל כהן גדול וועלען מיר דאס אויסרעכענען מיט די מוספים.

**"ומאת בני ישראל יקח שני שעירי עזים לחטאת ואיל אחד לעולה"**

## ג) קרבנות תמיד:

1 כבש (תמיד של שחר)

1 כבש (תמיד בין הערבים)

**"את הכבש האחד תעשה בבוקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבים"**

## ד) מוספים:

1 פר (עולה)

1 איל (עולה)

7 כבשים (עולה)

1 שעיר (חטאת)

**דער סך הכל פון קרבנות וואס מען האט מקריב געווען יו"כ איז געווען 15 קרבנות. 3 ספיציעלע קרבנות יום הכיפורים - 2 תמידים - 10 מוספי**

## טבילה וקידוש ידים ורגלים:

5 מאהל האט זיך די כהן גדול געטויששט די קליידער אין דעם טאג, און יעדע מאהל וואס ער האט זיך געטויששט זיינע בגדים האט ער זיך גע'טובל'ט, מקדש געווען די הענט און די פיס, געטוהן די עבודה, און נאכאמאהל מקדש געווען די הענט און די פיס, קומט אויס אז, 5 מאהל האט ער זיך געטויבעלט, און 10 מאהל האט ער זיך געוואשען די הענט און די פיס. עס ווערט איינגעטיילט אין 5 סדרים, ווי פאלגענד:

## הפשטת בגדי חול:

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| סדר 1: | טבילה | בגדי | זהב | קידוש ידים ורגלים | עבודת | חוץ | קידוש ידים ורגלים |
| סדר 2: | טבילה | בגדי | לבן | קידוש ידים ורגלים | עבודת | פנים | קידוש ידים ורגלים |
| סדר 3: | טבילה | בגדי | זהב | קידוש ידים ורגלים | עבודת | חוץ | קידוש ידים ורגלים |
| סדר 4: | טבילה | בגדי | לבן | קידוש ידים ורגלים | עבודת | פנים | קידוש ידים ורגלים |
| סדר 5: | טבילה | בגדי | זהב | קידוש ידים ורגלים | עבודת | חוץ | קידוש ידים ורגלים |

## לבישת בגדי עצמו:

## אריין גיין אין קודש קדשים:

4 מאהל איז די כהן גדול אריין אין קדש קדשים

1) צו מקטיר זיין די קטורת 2) צו שפריצען די בלוט פון פר 3) צו שפריצען די בלוט פון שעיר 4) ארויסצונעמען די כף ומחתה פון די קטורת

## שם המפורש:

10 מאהל דארכ'ן טאג האט די כהן גדול ארויסגעזאגט די שם המפורש, און בשעת די יודען האבען דאס געהערט, זענען זיי געפאלען אויף זייער פנים און געזאגט "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.

**די 10 מאהל זענען:**

3 מאהל ביי די ווידוי פון זיין הויזגעזונד (אויפ'ן פר כהן גדול)

1 מאהל ביי קריאת השם (לה' חטאת)

3 מאהל ביי די ווידוי פון זיינע זונד און די זונד פון זיינע ברודער די כהנים

(אויפ די זעלבע פר כהן גדול)

3 מאהל ביי די ווידוי פון גאנץ כלל ישראל (שעיר המשתלח לעזאזל)